בראשית תשפ"ז
גליון 300

# דעם רבינ'ס ליכט



אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך גיטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אָפְּצֵיילְן דָאס גֶעלְט

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ סוֹחֵר אִין אַ יְרִיד פוּן אַרְבַּעַת הַמִּינִים, וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גֶעלוּנְגֶענֶער סוֹחֵר. אַזוֹי וַוייט אַז עֶר פְלֶעגְט שׁוֹין צֵיילְן דָאס גֶעלְט אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי פִילֶע פִילֶע קוֹיפֶערְס וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם זַיין טִישְׁל, צוּ קוֹיפְן אֶתְרוֹגִים, לוּלָבִים הֲדַסִּים א.א.וו. אַזוֹי הָאט עֶר גֶעפַּאקְט נָאךְ אוּן נָאךְ פַּאפִּירֶענֶע דָאלַארְן אִין זַיין בֶּערְזְל! וֶוען דֶער יוֹם טוֹב סֻכּוֹת אִיז אַרִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט צֵיילְן דִי פֶּעקְלֶעךְ גֶעלְט וָואס עֶר הָאט פַארְדִינְט.

דָאס אִיז אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל. יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיים אַרוֹיסְגֵיין, בְּצֵאתוֹ מִן הַקוֹדֶשׁ פוּן דֶער הֵיילִיגֶער חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, דֶער יֶרַח הָאֵתָנִים. גֶעלוֹיבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין דֶעם הֵיילִיגְן חֹדֶשׁ, אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא קִבּוּץ בַּיים רֶבִּי'ן, וֶוען קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז דָאס יָאר וֶועט זַיין אַזַא שֵׁיינֶער פַארְזַאמְלוּנְג בַּיים רֶבִּי'ן, אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ פָארְן לַאנְגֶע שְׁטְרֶעקֶעס צֶענְדְלִיגֶע שָׁעוֹת אוּן טֶעג, כּוֹחוֹת הַנֶּפֶשׁ אוּן גוּף אוּן אוֹיסְגֶעגֶעבְּן גֶעלְטֶער פַארְ'ן רֶבִּי'נְס בַּאפֶעל.

גְלַייךְ דֶערוֹיף הָאבְּן מִיר גֶעהַאט דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, יוֹם הַקָדוֹשׁ, דִי פִיר טֶעג אִינְצְוִוישְׁן, דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב סֻכּוֹת, שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, אַרְבַּע מִינִים, הוֹשַׁעְנוֹת, דֶעם רֶבִּי'נְס יָארְצַייט, דֶערְנָאךְ דֶער יוֹם טוֹב שְׁמִינִי עֲצֶרֶת – שִׂמְחַת תּוֹרָה וֶוען אַלֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט דִי תּוֹרָה, אַלֶע הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַן עֲלִיָּה לְתּוֹרָה.

יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ עֶפֶענֶען דִי פֶּעקְלֶעךְ פוּן דִי אוֹצְרוֹת וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעקְלִיבְּן אִין דֶעם חֹדֶשׁ, אוּן דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדֶע מַתָּנָה בַּאזוּנְדֶער, נֶעמֶען יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט שֶׁבַח וְהוֹדָאָה פַאר דֶעם הֵיילִיגְן חֹדֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען, אַזַא לֶעכְטִיגֶע חֹדֶשׁ וָואס אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, מֶען הָאט גֶעקֶענְט גֵיין אִין שׁוּל אוּן הֶערְן שׁוֹפָר,




נתנדב לעילוי נשמת ר' משה יוסף ז"ל בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן

שְׁרֵייעֶן הַמֶּלֶךְ. ׳יוֹם כִּפּוּרִים׳ זֶענֶען מִיר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן אַלֶע זִינְד, אַלֶעס אִיז גֶעוָוארְן אָפְּגֶערֵיינִיגְט. ׳סֻכּוֹת׳ הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן בְּצִילָא דִמְהֵימְנוּתָא, אִין שָׁאטְן פוּן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה. דִי אוּשְׁפִּיזִין, דִי הֵיילִיגֶע זִיבְּן פַּאסְטוּכֶער וָועלְכֶע פַּאשְׁן דִי אֱמוּנָה. מִיר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן דִי הֵיילִיגֶע פִּיר מִינִים אִין אוּנְזֶער הַאנְט, דֶער הֵיילִיגֶער מִנְהָג פוּן דִי הוֹשַׁעְנוֹת. ׳שִׂמְחַת תּוֹרָה׳ הָאבְּן מִיר גֶעהַאלְטְן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה. פַאר דֶעם אַלֶעם דַארְף מֶען דָאךְ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן, אוּן אַלֶעס בְּכֹחַ פוּן גְרוֹיסְן צַדִיק מִיט זַיין קְדוּשָּׁה וָועלְכֶער הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ״, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבְּן דֶעם חֹדֶשׁ מִיט דֶעם גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן.

מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה פוּן ״אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ״. בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים. לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי הֵיילִיגֶע נִגוּנִים. כִּי אָנוּ עַמֶּךָ, וְאַתָּה אָבִינוּ... אַ גַאנְץ יָאר דַארְף דָאס אוּנְז בַּאגְלֵייטְן, יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען מַאכְן אַ שִׂמְחַת תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף יֶעדְן טָאג! מִיר מַאכְן יֶעדְן טָאג דִי בְּרָכָה ״אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים״ פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער הָאט עֶר אוּנְז אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן, ״וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ״ עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶעם שַׁבָּת שְׁטֵייעֶן מִיר בַּיי בְּרֵאשִׁית, אַ נַייעֶ הַתְחָלָה. טַייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶנְק וֵויסְן וִויאַזוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער בַּאשַׁאפוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט? עֶס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען פַאר דֶעם תֹהוּ וָבֹהוּ וְחֹשֶׁךְ עַל פְּנֵי תְהוֹם, וָואס אִיז מְרַמֵז אוֹיף אַלֶע סָארְטְן טוּנְקְלְקַייטְן פוּן דֶער סִטְרָא אַחֲרָא, פּוּסְט אוּן לֵיידִיג. וִוי אַזוֹי הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט?! עֶס אִיז גֶעוֶוען ׳וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת עַל פְּנֵי הַמָּיִם׳, זָאגְט דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ: ״דָאס אִיז דֶער רוּחַ פוּן מָשִׁיחַ״. מָשִׁיחַ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ׳טוֹב׳ וַוייל עֶר וֶועט טְרֶעפְן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר זַיין גוּטְס! אַזוֹי זָאגְט דֶער פָּסוּק אִין רוּת, ״וְהָיָה בַבֹּקֶר אִם יִגְאָלֵךְ טוֹב יִגְאָל״ (רוּת ג, יג), דָאס אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי גְאוּלָה אַז מָשִׁיחַ, וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן טוֹב וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן. דוּרְךְ דֶעם גוּטְן רוּחַ פוּן מָשִׁיחַ אִיז גֶעוָוארְן דֶער בִּנְיָן פוּן דֶער וֶועלְט, דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן.

זָאגְט ר׳ נָתָן, ״הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט גֶעזֶען אַז עֶס וֶועלְן זַיין אִידֶעלֶעךְ וָועלְכֶע וֶועלְן מַאכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, מִצְוֹות, הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אָפְּגֶעטֵיילְט צְוִוישְׁן אוֹר אוּן חֹשֶׁךְ, צְוִוישְׁן דִי שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן דֶעם אוֹר וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר, עֶס אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג! אַזוֹי אוֹיךְ הַיינְט וֶוען אַ אִיד הָאט אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט פוּן חֹשֶׁךְ, לַיידִיגְקַייט, אוּן עֶר טְרֶעפְט בַּיי זִיךְ אַ נְקוּדָה טוֹבָה גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן שְׁלֶעכְטְס אוּן גֵייט אַרַיין אִין גוּטְס – לְכַף זְכוּת, דֶער אוֹר וֶוערְט נִתְגַלָּה אוּן אַזוֹי וֶוערְט אַ נַייעֶ בְּרִיאָה! יֶעדֶער פוּן אוּנְז קֶען יֶעדְן טָאג בַּאשַׁאפְן אַ נַייעֶ בְּרִיאָה, וֶוען מִיר וֶועלְן טְרֶעפְן אִין אוּנְז נְקוּדוֹת טוֹבוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִין אָנְהֵייבּ בְּרִיאָה גֶעטְרָאפְן אִין אוּנְז נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מִיר טְרֶעפְן אִין אוּנְז נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, טֵיילְן מִיר אָפּ פוּן חֹשֶׁךְ לְאוֹר.״

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן דָאס יָאר מִיט אַ הִתְחַדְשׁוּת. ׳בְּרֵאשִׁית׳ זָאגְט רַשִׁ״י ב׳ רֵאשִׁית, וֶועגְן צְוֵויי רֵאשִׁית הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאשֶׁעפֶער דִי וֶועלְט, אֵיינְס וֶועגְן דִי תּוֹרָה וָועלְכֶע רוּפְט זִיךְ ׳רֵאשִׁית׳ אוּן אוֹיךְ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָועלְכֶע רוּפְן זִיךְ אוֹיךְ ׳רֵאשִׁית׳. זָאלְן מִיר זִיךְ טַאקֶע קֶענֶען אַלֶעמָאל שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אוּנְזֶערֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, מְקַיֵים זַיין דִי תּוֹרָה מִיט שִׂמְחָה אוּן חֵשֶׁק, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹרוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ בְּהִתְגַלּוּת מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# אײן אשה'לע



## אוועקפליען פון עירפארט

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָאהְרְן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מַיין קְלֶיינֶער בְּרוּדֶער אִין אוּמַאן. אַזוֹי וִוי מִיר פָאהְרְן דָאךְ צוּ אַזַא רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע תִּיקוּן, נָאר מִיט דֶעם פַארְלַאנְג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי מִיט אַ פְּרוּטָה, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט זִיךְ אָפְּהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, בִּפְרָט אַז מֶען פָארְט אַזֶעלְכֶע לַאנְגֶע נְסִיעוֹת אוּן מֶען דַארְף גֵיין אִין עֶירְפָּארְט [לוּפְט-פֶעלְד].




פַארְן אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן עֶרָאפְּלַאן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים, זִיצְנְדִיג אִין בָּאס צֶעקְוֶועטְשְׁט צְוִוישְׁן דִי עֲרֵלִים, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעטוּן מַיינֶע בְּרִילְן אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל שִׂיחַת הָרַ"ן, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַוֶועקְפְּלִיעֶן אִין מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן דֶעם אָרְט וואוּ אִיךְ גֶעפִין זִיךְ, רוּפְט זִיךְ אָן מַיין קְלֶיינֶער בְּרוּדֶער: "אָשֵׁר, אוֹיבּ דִי ווִילְסְט הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, בְּעֵת דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ אָפְּהִיטְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן", אוּן מַיין בְּרוּדֶער אִיז מַמְשִׁיךְ: "אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ קוּק אוֹיף נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע נַארִישֶׁע גוֹיִם".

אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ טְרֵייסְל, אַז מַיין קְלֵיין בְּרוּדֶער דַארְף מִיר דֶערְמַאנֶען דִי פָּשׁוּטֶ'ע גְרִינְגֶע עֵצָה, דִי עֶרְשְׁטֶע טְרִיט אַרֵיין פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אוּן נִסָּיוֹן אִיז דָאךְ "תְּפִלָּה, תְּפִלָּה", יָא, דָאס אִיז דִי עֵצָה. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע בַּאלְד אַ תְּפִלָּה גֶעטוּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶס אִיז מִיר טַאקֶע גֶעוָוארְן אַסַאךְ גְרִינְגֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְּלַאץ אוֹיפְן עֶרָאפְּלַאן אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעצִינְדְן שֵׁיינֶע מוּזִיק אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין מַיינֶע אוֹיעֶרְן אוּן דָאס הָאט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אוּן פְרִישׁ בַּאקוּמֶען כְּסוּפִין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן אַז דִי גַאנְצֶע זִיצְן אוֹיפְן עֶרָאפְּלַאן מִיט אַלֶע גוֹיִם אַרוּם הָאט מִיר גָארְנִישְׁט בַּאנוּמֶען, גָאר פַארְקֶערְט אִיךְ הָאבּ נָאךְ גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַן אָפְן הַארְץ אוּן מוֹיל.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי'ן וָואס בַּאגְלֵייט אוּנְז אוֹיף אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן זַיין צִיּוּן.

אשר.




*אין קורצן פון פריער:*

*דער רבי שיקט צוויי פון זיינע תלמידים צו צעשפרייטן זיינע כתבים פון דעם ספר הנשרף און ליקוטי מהר"ן אן דעם וואס מען זאל וויסן ווער עס שטייט אונטער דעם. דער רבי בעט פון די שלוחים אז זיי זאלן איינרייסן פאר דאס לעבן פון זיין קינד. למעשה האבן זיי נישט געענדיגט איספירן דעם שליחות ווייל דער שטן האט כסדר אונטערגעליגט שטרויכלונגען.*

אצינד ליינט ווייטער:

## דעם רבינ'ס באשיצערס

איין טאג אין זומער יאר תקס"ו האט דער רבי פלוצלינג געהייסן פאר רבי נתן און רבי נפתלי צו פארן קיין מעזיבוזש צום ציון פון היילגן זיידן דער בעל שם טוב זי"ע. דערביי האט ער זיי געבעטן אז אויפ'ן וועג זאלן זיי זיך אפשטעלן אין בארדיטשוב און אריינגיין צום היילגן רב, רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זצ"ל.

די צוויי דערהויבענע תלמידים האבן זיך תיכף ארויסגעלאזט אין וועג אן צו פרעגן קשיות און שאלות. זיי זענען אנגעקומען קיין בארדיטשוב פרייטאג און זענען תיכף אריין צום רב צו שלום נעמען.

ווינאר דער רב האט זיי דערזען, האט ער זיי געזאגט אז אצינד איז נישט קיין פאסיגע צייט זיי אויפצונעמען וויבאלד דעם רבינ'ס מתנגד, דער שפאלער זיידע איז אצינד דא אין שטאט און וועט פארבלייבן ביז איבער שבת.

רבי נתן און רבי נפתלי זענען גלייך ארויס פון רב'ס שטוב אז ער זאל נישט האבן קיין געלעגנהייט זיי צו באפעלן צו פארלאזן דעם שטאט פאר שבת. אין דער אמת'ן האט רבי נפתלי געהאלטן אז מען זאל יא אוועקפארן פון שטאט, אבער רבי נתן האט אים ערקלערט אז אויב דער רבי האט זיי דא אהערגעשיקט קיין בארדיטשוב אין די זעלבע צייט וואס דער שפאלע זיידע געפינט זיך דא, מוז זיין אז דאס איז פאר א צוועק אז זיי זאלן קענען פארטיידיגן דעם רבי'ן ווען דער שפאלער זיידע וועט פרובירן צו איבעררעדן דעם בארדיטשובער רב קעגן אים. ביז דאן האט דער בארדיטשובער זייער שטארק געהאלטן פון רבי'ן.

הארט פאר שבת זענען רבי נתן און רבי נפתלי צוריקגעקומען צום רב וועלכע האט זיך געוואונדערט, "איר זענט נאכאלץ דא?"

"ווי קענען מיר זיין אין בארדיטשוב און נישט וויילן ביים רב?" האבן זיי געענטפערט.

דער בארדיטשובער האט זייער ליב געהאט און שטארק געשעצט רבי נתן און האט ארויסגעוויזן גרויס פרייד אים צו זען.

עס איז געווען דער מנהג אז פרייטאג צונאכטס נאך מעריב פלעגט דער עולם ווארטן אין שול צו ווינטשן דעם רב גוט שבת. אין דעם שבת, וויבאלד דער רב האט גענדיגט דאווענען האט ער געזוכט רבי נתן אויסרופנדיג: "וואו איז נתנ'לע?"

ביי די סעודת שבת האט רבי נתן און רבי נפתלי געווארט אז דער שפאלער זיידע זאל זיך קודם זעצן איידער זיי וועלן אויס זייער זיץ ארט. נאר ווען דער שפאלער זיידע האט זיך אוועקגעזעצט האט איינער זיך געזעצט קעגנאיבער אים און איינער נעבן אים כדי צו קענען זיין אויף דער וואך אויב דער שפאלער זיידע וועט פרובירן צו רעדן קעגן רבי'ן. דער בארדיטשובער רב האט מכבד געווען רבי נתן צו אנגיסן די ווין פאר קידוש.

פארשטייט זיך אז בשעת רבי נתן און רבי נפתלי זענען דארט געזעסן האט דער שפאלער זיידע נישט געקענט רעדן פון דעם רבי'ן. אזוי איז געווען ביי אלע דריי שבת סעודות. דער שבת איז ברוך השם אריבער בשלום!

זונטאג צופרי איז דער שפאלער זיידע אריבערגעקומען צום בארדיטשובער רב און זיך גענומען רעדן קעגן רבי'ן. צווישן אנדערע האט ער געזאגט אז צוליב דעם וואס דער רבי וויל אז זיינע חסידים זאלן דאווענען מיט א ברען, האט ער זיי מתיר געווען צו טרינקען שנאפס פאר'ן דאווענען.

(היינטיגע צייטן איז שוין ברייט באקאנט אז די ברסלב'ער טרינקען נישט קיין אלקאהאל און זיכער נישט פאר'ן דאווענען וואס דאן טרינק מען ניטאמאל א קאווע. דער רבי אליין האט אויך קיין וואסער נישט געטרינקען און אזוי האבן זיך אלע יארן געפירט רוב ברסלב'ער חסידים, אבער קוקט אויס אז אין יענע צייט האט מען נאך געקענט פארשרייטן פאלשע באריכטן...)

גלייך נאכדעם וואס דער שפאלער זיידע האט פארלאזט דעם צימער, זענען אריינגעקומען רבי נתן מיט רבי נתפלי זיך צו געזעגענען. דער רב האט זיי איבערגעזאגט וואס דער שפאלער זיידע האט גערעדט, אן דעם צו מגלה זיין ווער עס האט דאס געזאגט.

רבי נפתלי איז געווען זייער פארוויטאג און זיך אנגערופן, "רבי, אויך איר? איר זאגט אויך אזוי?"

דער בארדיטשובער האט פארשטאנען אז די טענות זענען פאלש און זיך פארענטפערט, "ניין ניין, איך האב דאס נישט געזאגט, א צווייטער האט דאס געזאגט."

נאכדעם וואס רבי נתן און רבי נפתלי האבן פארלאזט דעם רב'ס שטוב, האט ער זיך איוסגעדרוקט צו זיינע מענטשן: "איך האב נאך קיינמאל נישט געזען חסידים וואס זענען אזוי שטארק איבערגעגעבן און האבן אזא אהבה צו זייער רבי ווי די צוויי."

ווען דער שפאלער זיידע איז אנגעקומען אהיים האט ער געטראפן א איד אים אפווארטן. ער האט אים געפרעגט, "פון וואנעט איז א איד?" יענער האט געענטפערט פון נעמירוב. הערנדיג אז דער איד קומט פון נעמירוב, דער שטאט וואו רבי נתן און רבי נפתלי וואוינען, האט ער זיך אנגערופן: "אין נעמירוב האט איר די שומרים פון די וועלט! מיינענדיג די צוויי שומרים וואס האבן אים געהיטן דעם גאנצן שבת...

# אברהמ'ל

## דער קוימען קערער



טייערֶע קינדֶער, ר' לֵוִי יִצְחָק פַארְציילְט וֶועגְן דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְטִיגֶע אִידְן וָואס מִיר הָאבְּן פַארְמָאגְט אִין אוּמַאן. דִי וָואך וֶועט מֶען דֶערְצֵיילְן וֶועגְן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן, ר' אַבְרָהָם קוֹימֶען קֶערֶער אוּן פוּן אַ אִיד מָאטְיֶע קַאנֶעלְסְקִי.

אַבְרָהמ'ל דֶער קוֹימֶען קֶערֶער, עֶר פְלֶעגְט קֶערְן דִי קוֹימֶענְס, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין פַּרְנָסָה, שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט מִיט אַן אַשׁ אוֹיסְגֶעשְׁמִירְטְן פָּנִים. [אַמָאלִיגֶע צַייטְן פְלֶעגְן אַלֶע שְׁטִיבֶּער הָאבְּן אַ קוֹימֶען אוֹיפְן דַאךְ, אַז דִי הַייסֶע פַּארֶע פוּן דֶער אוֹיוְון וֶועלְכֶע הַייצְט דִי שְׁטוּב זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם קוֹימֶען]

קוּק וִויאַזוֹי הָאבְּן אוּנְזֶערֶע קוֹימֶען קֶערֶער אוֹיסְגֶעקוּקְט. בַּיים אָנְהוֹיב הִתְקָרְבוּת מַיינֶע, בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ שַׁבָּת אִין בַּארְדִיטְשׁוֹב, דֶעם עֶרְשְׁטְן אֱלוּל תרע"ד, קוּמְט אַרַיין אַ 'קוֹימֶען קֶערֶער' מִיט אַ שְׁוַוארְצְן בֶּעזֶעם, אוּן לֵייגְט עֶס אַוֶועק אִינְדְרוֹיסְן, אוּן עֶר קוּמְט אַרַיין אִין שׁוּל אוּן עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק דַאוֶוענֶען. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואסְפַארַא דַאוֶוענֶען הָאט דֶער קוֹימֶען קֶערֶער אָרָאפְּגֶעלֵייגְט, אַ גֶעשְׁמַאק פוּן אַ דַאוֶוענֶען!

מִיר הָאבְּן גֶעזֶען דָארְטְן אִין בַּארְדִיטְשׁוֹב 'עוֹבְדֵי הַשֵּׁם'! אוּן נָאךְ אַ זַאךְ הָאבְּן מִיר גֶעזֶען דָארְטְן, מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַארְ'ן רֶבִּי'נְס זַאךְ! זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט עֶפֶּעס אַזַא מִין גֶעפִיל פַארְ'ן רֶבִּי'ן, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן, אַז מַמָּשׁ זֵיי הָאבְּן גֶעפִילְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַארְ'ן רֶבִּי'נְס זַאךְ! נוּ, דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶער חִיוּת.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן נַאשְׁקֶע קַאנֶעלְסְקִי, זַיין טַאטֶע הָאט גֶעהֵייסְן מָאטְיֶע, דֶער מָאטְיֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא גְרוֹיסֶער 'עוֹבֵד' אַזוֹי וִוי דִי 'עוֹבְדִים' פוּן אוּמַאן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פְּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער זַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ פַארְ'ן רֶבִּי'נְס זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט - דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק. וִוי אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהַאט גֶענוּג פַּרְנָסָה.

עֶר פְלֶעגְט זִיךְ הַאלְטְן נָאנְט אוּן שְׁטֶענְדִיג גֵיין צוּ ר' גֶעצֶע, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן נָאךְ סֻכּוֹת, עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶע וָואגְן מִיט הָאלְץ, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַ זַאק מֶעל דָארְט אוֹיף דֶער וָואגְן מִיט דִי הָאלְץ, דֶערְנָאךְ עֶס צוּגֶעפִירְט צוּ רֶבִּי גֶעצֶע אִין שְׁטוּב אַרַיין, הָאט גֶעצֶע גֶעהַאט דֶערְפוּן אַ הַאלְבֶּער ווִינְטֶער - אַ וָואגְן מִיט הָאלְץ מִיט אַ זַאק מֶעל!

וֶוען ס'אִיז גֶעקוּמֶען חֲנוּכָּה, אִיז מָאטְיֶע גֶעקוּמֶען נָאכְאַמָאל קַיין אוּמַאן, הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעבְּרֶענְגְט אַ וָואגְן מִיט הָאלְץ, מִיט אַ זַאק מֶעל אוּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט בַּיי דִי טִיר.

אוּן דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען אַ פְּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ! וֶוען עֶר פְלֶעגְט לֵיינֶען 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת' - אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צוּ עֶר הָאט גֶעקֶענְט דִי 'עִבְרִי' פוּן דִי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת - הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן טַייכְן טְרֶערְן, פוּן נַאשְׁקֶע'ס טַאטֶע [מָאטְיֶע] הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן רִיטְשְׁקֶעס טְרֶערְן!

וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה "מֶען דַארְף זֶען מִיט שֵׂכֶל אוּן מִיט חָכְמָה זִי אַרוֹיסְנֶעמֶען" הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן טְרֶערְן! ר' מָאטְיֶע הָאט נִישְׁט גֶעפִילְט דִי טִיפְקַייט וָואס עֶס לִיגְט אִין דִי וֶוערְטֶער, מִמֵּילָא אַן אַנְדֶערֶער הָאט עֶפֶּעס אַ

גֶעפִיל אִין דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער - 'מִיט שֵׂכֶל מִיט חָכְמָה', עֶר הָאט דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם גֶעפִיל! אָבֶּער פָּארְט הָאט עֶר פַארְגָאסְן טְרֶערְן, אַזַא אֱמוּנָה הָאט עֶר גֶעהַאט אִינֶעם רֶבִּי'ן.

עַל פִּי רוֹב פְּלֶעגְט עֶר וֶועלְן שַׁבָּת דַאוֶוענֶען פַאר'ן עָמוּד, בִּיז 'שׁוֹכֵן עַד'. עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ מוּטְשֶׁענֶען מִיטְ'ן זֶעו, פְּלֶעגְט עֶר הַאלְטְן דִי סִדוּר נָאנְט צוּ דִי אוֹיגְן, אוּן ס'הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן, אִיךְ ווייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי עִבְרִי', עֶר הָאט קַיין עִבְרִי נִישְׁט גֶעקֶענְט... אָבֶּער, טְרֶערְן הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן פוּן דִי אוֹיגְן! אִיךְ בִּין גֶעוַוואלְדִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן, גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, עֶר אִיז דָאךְ אַ פְּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְש.

עֶס דַארְף זַיין אַן אֱמוּנָה אִינֶעם רֶבִּי'ן אַזוֹי גְרוֹיס - אַז מֶען זָאגְט סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת גִיסְט זִיךְ טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן!

מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אַמָאל שַׁבָּת בַּיי אִים אִין קְרֶעמֶענְטְשׁוּק - בַּיי דֶעם מָאטְיֶע, אִיךְ מִיט נַאשְׁקֶע (טוּלְטְשִׁינֶער) עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט צוּ נַאשְׁקֶע; "נַאשְׁקֶע, ס'אִיז אַ לֶעכְטִיגֶער טִישׁ"! נַאשְׁקֶע הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט, ס'אִיז אַ לֶעכְטִיגֶער טִישׁ, דִי טִישׁ שַׁיינְט - פְּרַייטָאג צוּנַאכְטְס אִיז גֶעוֶוען אַזַא לֶעכְטִיגֶער טִישׁ!

מָאטְיֶע הָאט אַלְץ גֶעהַאלְטְן דֶעם סִדוּר נָאנְט צוּ דִי אוֹיגְן, בַּיי 'אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין' הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן טְרֶערְן, אוּן בַּיי 'וִיהֵא רַעֲוָא' גִיסְט זִיךְ טְרֶערְן, דֶער גַאנְצֶער טִישׁ אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט טְרֶערְן!

מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן נָאךְ דִי סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּנַאכְטְ'ס, אִין קְרֶעמֶענְטְשׁוּק הָאט מֶען זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט. וֶוען ס'אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן 'חֲצוֹת', אוּן מָאטְיֶע דְרֵייט זִיךְ שׁוֹין אַרוּם - מָאטְיֶע אִיז שׁוֹין אוֹיף! מָאטְיֶע קְלַאפְּט שׁוֹין מִיט חֲצוֹת! וָואס טוּט זִיךְ דָא?! אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶפֶּעס אַזַא 'צַדִּיק'! אַ לֶעכְטִיגֶער טִישׁ! עֶפֶּעס אַ אִישׁ צַדִּיק! אַ אִישׁ צַדִּיק!

נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעזֶען פוּן אִים טַאקֶע גְרוֹיסְקַייטְן, עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ 'בְּחִינַת צַדִּיק', עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן מֶער פוּן וָואס עֶר הָאט פַארְדִינְט, דִי בְּרֵייטֶע 'הַכְנָסַת אוֹרְחִים' וָואס ס'אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אִין שְׁטוּב - 'בֵּיתוֹ פָּתוּחַ לִרְוָחָה'

רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעהַאט פַאר אִים שְׁטַארְק דֶּרֶךְ אֶרֶץ! עֶר הָאט גֶעזָאגְט; אַז מָאטְיֶע אִיז אַ בַּאהַאלְטֶערְנֶער מֶענְטְשׁ.

אַמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּגֶעלֵייגְט, פְּרֶעג אִיךְ אִים; "מָאטְיֶע פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צוּגֶעלֵייגְט?" אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מִיט אִים זֵייעֶר נָאנְט, זָאגְט עֶר מִיר; "אִיךְ בִּין אִיצְטֶער אַן אָרִימַאן, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט צוּ טֵיילְן פַאר צְדָקָה!

מִיר אַרְט נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט, נָאר וֶוען אִיךְ פְּלֶעג קוּמֶען קַיין אוּמַאן, פְּלֶעג אִיךְ טֵיילְן" אַלֶע חֲסִידִים הָאבְּן גֶעוואוּסְט, אַז מָאטְיֶע אִיז דָא וֶועט עֶר גֶעבְּן צְדָקָה, - אוּן הַיינְט קֶען אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ אַ גְרוֹיסֶע צַעַר, אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן! "דִי אָרִימֶעלַייט קוּקְן אַרוֹיס אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי גֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט צוּ גֶעבְּן"!

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעשְׁטַארְקְט: "פְּרִיעֶר הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעפְּרוּאוְט מִיט דֶעם אַז דוּ הָאסְט יָא גֶעהַאט, אוּן דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן מִיט דִי גֶעלְט, יֶעצְט פְּרוּאוְט מֶען דִיךְ אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעלְט! אָבֶּער דוּ וֶועסְט ווַייטֶער הָאבְּן"!

עֶר הָאט טַאקֶע שְׁפֶּעטֶער נָאכְאַמָאל גֶעהַאט פַּרְנָסָה. נָאכְדֶעם הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אִיז מָאטְיֶע גֶעוָוארְן צוּרִיק רַייךְ אוּן עֶר הָאט ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן טֵיילְן צְדָקָה.

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה יב׳
## דֶער ׳בַּעַל-תְּפִלָּה׳

הָאט דֶער ׳גִּבּוֹר׳ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם ׳מֶלֶךְ׳:

”מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] ׳דֶער [דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] ׳מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]׳, וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶער ׳עֲבוֹדָה־זָרָה׳ פוּן ׳גֶעלְט׳.

הָאט דֶער ׳גִּבּוֹר׳ גֶעזָאגְט צוּם ׳מֶלֶךְ׳: ”אִיךְ הָאבּ [דָאךְ] פוּן אַייךְ גֶעהֶערְט: ”אַז דוּרְךְ דֶעם ׳וֶועג׳, וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ דֶער ׳שְׁוֶוערְד׳ – דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען, ׳דֶעם׳ וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן [גֶעוָוארְן אַיינְגֶעזִינְקֶען] אִין דֶער ׳תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט׳”!

הָאט אִים דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ”יָא, סְ׳אִיז [טַאקֶע] אַזוֹי”! הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעזָאגְט דֶעם ׳גִּבּוֹר׳ ”בַּאֲשֶׁר [אַז] אִין ׳דֶעם וֶועג׳ וִוי עֶר [דֶער גִּבּוֹר] גֵייט [אַרוֹיף] צוּ דֶער [אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטֶער] ׳שְׁוֶוערְד׳ – אִיז פַארְהַאנְדְן אַ ׳וֶועג׳ אִין דֶער זַייט! – קוּמְט מֶען מִיט ׳דֶעם [דָאזִיגְן זַייטִיגְן] וֶועג׳, צוּ אַ ׳פֵייעֶר׳דִיגְן בַּארְג׳!

אוּן אוֹיף דֶעם ׳בַּארְג׳, לִיגְט אַ ׳לֵייבּ׳! – אוּן דֶער ׳לֵייבּ׳, אַז [וֶוען] עֶר בַּאדַארְף [צוּ] עֶסְן – גֵייט עֶר, אוּן פַאלְט אוֹיף דִי ׳טְשֶׁערְדֶעס׳ [סְטַאדֶעס פוּן דִי שָׁאף] – אוּן [עֶר] נֶעמְט זִיךְ ׳שָׁאף׳ אוּן ׳בְּהֵמוֹת׳, אוּן עֶסְט זֵיי אוֹיף!

אוּן דִי ׳פַּאסְטֶעכֶעס׳ [פַּאסְטוּכֶער] וֵוייסְן דֶערְפוּן! – אוּן זֵיי הִיטְן זֵייעֶר, דִי ׳שָׁאף׳, פַאר [פוּן] אִים! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] דֶער ׳לֵייבּ׳, קוּקְט גָאר דֶערוֹיף נִישְׁט! – נָאר אַז [וֶוען] עֶר וִויל עֶסְן, פַאלְט עֶר [אַרוֹיף] אוֹיף דִי ׳טְשֶׁערְדֶעס׳ [סְטַאדֶעס]! – אוּן דִי ׳פַּאסְטֶעכֶעס׳ [פַּאסְטוּכֶער], קְלַאפְּן אוּן שְׁלָאגְן אוּן שְׁטוּרְמֶען אוֹיף אִים! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] דֶער ׳לֵייבּ׳ הֶערְט דָאס גָארְנִישְׁט! – נָאר עֶר נֶעמְט זִיךְ ׳שָׁאף׳ אוּן ׳בְּהֵמוֹת׳ – אוּן בְּרוּמְט, אוּן עֶסְט זֵיי!

אוּן דֶעם [דָאזִיגְן אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטְן] ׳בַּארְג פוּן פֵייעֶר׳, זֶעהְט מֶען גָארְנִישְׁט !

אוּן וִוידֶער: פוּן דֶער זַייט, אִיז נָאךְ פַארְהַאנְדְן אַ [אַנְדֶערֶע] ׳וֶועג׳! – קוּמְט מֶען [אוּן מְ׳קוּמְט אָן] מִיט ׳דֶעם וֶועג׳, צוּ אַ ׳אָרְט׳ [פְּלַאץ] וָואס סְ׳הֵייסְט ׳קֶעךְ׳ [קָאךְ; בֵּית הַתַּבְשִׁיל]!

אוּן דָארְט אִין דֶער [דָאזִיגֶער] ׳קֶעךְ׳ – אִיז פַארְהַאנְדְן אַלֶע־עֶרְלֵיי ׳מַאֲכָלִים׳! אוּן אִין דֶער [דָאזִיגֶער] ׳קֶעךְ׳, אִיז קַיין שׁוּם ׳פֵייעֶר׳ נִישְׁט פַארְהַאנְדְן! – נָאר דִי ׳מַאֲכָלִים׳ וֶוערְן גֶעקָאכְט, דוּרְךְ דֶעם ׳בַּארְג פוּן פֵייעֶר׳ הַנַ״ל.

אוּן דֶער ׳בַּארְג פוּן פֵייעֶר׳, אִיז פוּן דָארְט זֵייעֶר וַוייט! – נָאר סְ׳גֵייעֶן ׳שְׁטֶעשְׁקֶעס׳ [וֶועגְן], אוּן אַזוֹי־וִוי ׳רִינֶעוֶועס׳ [רֶערְן] – פוּן דֶעם ׳בַּארְג פוּן פֵייעֶר׳, צוּ דֶער ׳קֶעךְ׳! – אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְן [דָארְט] גֶעקָאכְט, אַלֶע ׳מַאֲכָלִים׳ הַנַ״ל.

אוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳קֶעךְ׳, זֶעהְט מֶען אוֹיךְ גָארְנִישְׁט אַרוֹיס! – נָאר סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן אַ ׳סִימָן׳: [אַז] סְ׳שְׁטֵייעֶן דָארְטְן ׳פֵייגְל׳ [פֵייגְלֶעךְ] אוֹיף דֶער

[דָאזִיגֶער] ׳קֶעךְ׳! – אוּן דוּרְכְדֶעם וֵוייסְט מֶען: ״אַז דָארְט אִיז דִי ׳קֶעךְ׳״!

אוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳פֵייגְל׳ – [זֵיי] פָּאכְן [קְלַאפְּן] מִיט דִי ׳פְלִיגְל׳ [זֵייעֶרֶע]! – אוּן דוּרְכְדֶעם צִינְדְן זֵיי אָן דָאס ׳פֵייעֶר׳, אוּן [דוּרְכְדֶעם פַארְלֶעשְׁן [זֵיי] דָאס ׳פֵייעֶר׳!

דְהַיְינוּ: דוּרְכְדֶעם וָואס דִי ׳פֵייגְל׳ פָּאכְן [קְלַאפְּן] – דוּרְכְדֶעם בְּלָאזְן [פְּלַאמֶען] זֵיי אוֹיף אוּן צִינְדְן אָן דָאס ׳פֵייעֶר׳! – אוּן וִוידֶער טַאקֶע, דוּרְךְ זֵייעֶר פָּאכְן – פַארְלֶעשְׁן זֵיי דָאס ׳פֵייעֶר׳, אַז דָאס ׳פֵייעֶר׳ זָאל נִישְׁט פְּלַאמֶען צוּ שְׁטַארְק, מֶער אֵיידֶער [וִוי] מְ׳בַּאדַארְף!

אוּן זֵיי בְּלָאזְן [פְּלַאמֶען] אוֹיף, ׳דָאס פֵייעֶר׳, וֶועדְלִיג [לוֹיט וִויפִיל] מְ׳בַּאדַארְף צוּ דִי ׳מַאֲכָלִים׳! – דְהַיְינוּ: צוּ ׳דֶעם מַאֲכָל׳, בַּאדַארְף מֶען אַזוֹי אַ [אַזַא פְּלַאם] ׳פֵייעֶר׳! אוּן צוּ אַ ׳אַנְדֶער מַאֲכָל׳, בַּאדַארְף מֶען אַ ׳אַנְדֶער [פְּלַאם] פֵייעֶר׳! – אַלְץ וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם ׳מַאֲכָל׳, אַזוֹי בְּלָאזְן [פְּלַאמֶען] דִי ׳פֵייגְל׳ אוֹיף, ׳דָאס פֵייעֶר׳!

[זָאגְט וַוייטֶער דֶער ׳מֶלֶךְ׳ פַארְן ׳גִבּוֹר׳]:

״בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]! זָאלְסְטוּ זֵיי פִירְן פְּרִיעֶר, אַקֶעגְן ׳וִוינְט׳! – כְּדֵי [אַז] דֶער ׳רֵיחַ׳ פוּן דִי ׳מַאֲכָלִים׳, זָאל זֵיי פַארְגֵיין [אָנְקוּמֶען צוּ זֵיי]!

דֶערְנָאךְ, אַז [וֶוען] דוּ וֶועסְט זֵיי גֶעבְן פוּן דִי ׳מַאֲכָלִים׳ – וֶועלְן זֵיי שׁוֹין בְּוַודְאַי אַוֶועקְוַוארְפְן דִי [דָאזִיגֶע] ׳תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט׳״!

הָאט דֶער ׳גִבּוֹר׳ [טַאקֶע] אַזוֹי גֶעטָאן! – אוּן [עֶר] הָאט גֶענוּמֶען דִי ׳דָאזִיגֶע לַייט׳ – דְהַיְינוּ: דִי ׳גְרוֹיסֶע לַייט׳ פוּן דֶער ׳מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת׳, וָואס זֵיי זֶענֶען ׳גָאטְן׳ אִין ׳זֵייעֶר מְדִינָה׳!

וָואס זֵיי [וַוייל דִי ׳דָאזִיגֶע גָאטְן׳ זֶענֶען דָא גֶעוֶוען – וַוייל זֵיי] זֶענֶען אַהֶערְגֶעקוּמֶען מִיט דֶעם ׳מְמוּנֶה׳, כַּנַ״ל – אוּן אַז זֵיי [דֶעמָאלְט וֶוען דִי דָאזִיגֶע גָאטְן] זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן ׳זֵייעֶר מְדִינָה׳ מִיט דֶעם ׳מְמוּנֶה׳ – הָאבְן זֵיי [דֶעמָאלְט], דִי ׳[לַייט פוּן דִי] מְדִינָה׳, [גֶעהַאט] ׳כֹּחַ׳ [אוּן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ] גֶעגֶעבְן: ״אַז וָואס זֵיי וֶועלְן טָאן [דִי דָאזִיגֶע שְׁלוּחִים], זָאל זַיין גָאר גֶעטָאן״! – אוּן [אַז] ׳גָאר דִי מְדִינָה׳, מוּז צוּשְׁטֵיין [וֶועלְן מוּזְן מַסְכִּים זַיין] אוֹיף דֶעם אַלֶעמֶען וָואס זֵיי [דִי ׳שְׁלוּחִים׳, דְהַיְינוּ: זֵייעֶרֶע ׳גָאטְן׳ – דִי ׳גְרוֹיסֶע לַייט׳ פוּן זֵייעֶר מְדִינָה] וֶועלְן טָאן! הָאט דֶער ׳גִבּוֹר׳ גֶענוּמֶען דִי [דָאזִיגֶע] לַייט [וָואס זֵיי הֵייסְן ׳גָאטְן׳ בַּיי זֵייעֶר מְדִינָה, צוּלִיב זֵייעֶר עֲשִׁירוּת] – אוּן הָאט זֵיי גֶעפִירְט אִין ׳דֶעם וֶועג׳ – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] בִּיז [צוּ] דֶער ׳קֶעךְ׳ וָואס דָארְט זֶענֶען דִי ׳מַאֲכָלִים׳!

אוּן פְּרִיעֶר [קוֹדֶם], הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט אַקֶעגְן [דֶעם] ׳וִוינְט׳! – אִיז זֵיי פַארְגַאנְגֶען [אָנְגֶעקוּמֶען] דֶער ׳רֵיחַ׳ פוּן דִי ׳מַאֲכָלִים׳! הָאבְן זֵיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְן זֵייעֶר צוּ בֶּעטְן: ״אַז עֶר זָאל זֵיי גֶעבְן פוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳גוּטֶע מַאֲכָלִים׳״!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי [אַוֶועק] גֶעפִירְט פוּן דֶעם ׳וִוינְט׳! הָאבְן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְן צוּ שְׁרֵייעֶן: ״ס׳שְׁטִינְקְט זֵייעֶר [שְׁטַארְק]״! הָאט עֶר זֵיי וִוידֶער גֶעבְּרַאכְט [גֶעפִירְט] אַקֶעגְן [דֶעם] ׳וִוינְט׳!

אִיז זֵיי וִוידֶער פַּארְגַאנְגֶען [אָנְגֶעקוּמֶען] דֶער ׳גוּטֶער רֵיחַ׳ פוּן דִי ׳מַאֲכָלִים׳! הָאבְּן זֵיי אִים וִוידֶער זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן: ״אַז עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן פוּן דִי ׳מַאֲכָלִים״! דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי וִוידֶער [אַוֶועק] גֶעפִירְט פוּן דֶעם ׳וִוינְט׳!

הָאבְּן זֵיי וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן: ״סְ׳שְׁטִינְקְט זֵייעֶר וִוילְד״! הָאט זִיךְ דֶער ׳גִבּוֹר׳ צוּ זֵיי אָנְגֶערוּפְן [צוּ דִי דָאזִיגֶע מֶענְטְשְׁן]:

״אִיר זֶעהְט זִיךְ [דָאךְ]: אַז סְ׳אִיז דָא גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדְן קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס סְ׳זָאל שְׁטִינְקֶען! – מוּז [דָאךְ] בְּוַודְאַי זַיין, אַז אִיר אַלֵיין שְׁטִינְקְט עֶס! – וָוארְן דָא אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זַאךְ, וָואס סְ׳זָאל הָאבְּן אַ ׳רֵיחַ רַע׳ [שְׁלֶעכְטְן רֵיחַ]״!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן פוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] ׳מַאֲכָלִים׳!

# אבטונג: ס׳שמעקט פון געלט!

המשך פון זייט 12

אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי נוֹי סוּכָּה, הָאט עֶר שְׁנֶעל גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ יָאג זִיךְ צוּ דִי אַרְבֶּעט; אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן צוּ פַארְלִירְן גֶעלְט.״

אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט הָאט עֶר גֶעשְׁלֶעפְּט שְׁוֶוערֶע הָאלְץ אוּן בְּרֶעטֶער אוּן בּוּנְטְלֶעךְ סְכַךְ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן דוּרְכְגֶעוֵוייקְט מִיט שְׁוֵויס. עֶר אִיז אֲפִילוּ דְרַיי מָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד. בְּלוֹיז בְּדֶרֶךְ נֶס אִיז עֶר נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן. דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע, הָאט עֶר כְּסֵדֶר גֶעטְרַאכְט, אִיז דִי הֲנָאָה וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן פוּנֶעם גֶעלְט וָואס עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען. בֶּערֶעלֶע הָאט זִיךְ בַּארִימְט פַאר יֶעדְן וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען: ״אִיךְ בַּאקוּם אַכְט שְׁקָלִים פַאר יֶעדֶע שָׁעָה אַרְבֶּעט.״ זַיינֶע בֵּיינֶער הָאבְּן אִים וֵויי גֶעטָאן. זַיין גַאנְצֶע קֶערְפֶּער אִיז גֶעוֶוען שְׁמוּצִיג פוּן הָאלְץ-שְׁטוֹיבּ.

אֵיין טָאג אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִיז עֶס גֶעוֶוען וֶוען הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי זַיינֶע חֲבֵרִים נָתִי אוּן יוֹסִי לֶערְנֶען הוֹיךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִילָה. פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי מִיאוּס עֶס אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס יָאגְט נָאךְ גֶעלְט, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אִים אַ גֶעמֵיינֶע גֶערוּךְ. עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אוּן גוּט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן ׳גֶעגֶעסְן פוּנֶעם צַדִיקְ׳ס עֶסְן׳ – דָאס מֵיינְט זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן מַעֲשִׂיוֹת – בִּיז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז פוּן אִים אַלֵיין קוּמְט אוֹיךְ אַרוֹיס אַ רֵיחַ. עֶר הָאט אוֹיךְ אַיינְגֶעזֶען אַז זַיין טַאטֶע אַרְבֶּעט נָאר אַבִּיסְל, פּוּנְקְט גֶענוּג אוֹיף צוּ קוֹיפְן עֶסְן פַארְ׳ן שְׁטוּב, אוּן נִישְׁט צוּלִיבּ תַּאֲוֹות הַמָּמוֹן. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט בֶּערֶעלֶע גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל צוּ זַיינֶע חֲבֵרִים: ״דָאס אִיז עֶס. אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֶערְט נָאכְצוּלוֹיפְן גֶעלְט. עֶס וֶועט מִיר נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קֵיין שׁוּם שִׂמְחָה אָדֶער גְלִיק״.

נאמע: ____________



# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (18)

**א.** וואס האבן זיי געזאגט ווען דער גבור האט זיי געפידערט קעגן די ווינט?
- ☐ אז עס שטינקט זייער
- ☐ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ☐ אז עס איז דא א גוטער געדרון

**ב.** וואס האבן זיי געזאגט ווען דער גבור האט זיי געפידערט פון דעם ווינט?
- ☐ אז עס שטינקט זייער
- ☐ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ☐ אז עס איז דא א גוטער געדרון

**ג.** וויפיל מאל האט דער גבור זיי געפידערט א קעגן דעם ווינט?
- ☐ איין מאל
- ☐ צוויי מאל
- ☐ דריי מאל

**ד.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ איינמאל
- ☐ צוויימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

אינטערעסאנטע שאלות אויף גאנץ מעשה פון דער בעל תפילה

**א.** וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך ? און וועמען האט ער נישט דערמאנט?

**ב.** וועלכע סדר פון די כתות האט דערמאנט איינער פון די גבורים פארן בעל תפילה ? און וועלכע כתה האט ער נישט דערמאנט ?

**ג.** וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך פארן גבור ? און וועמען האט ער נישט דערמאנט ?

**ד.** וועלכע סדר האבן די כתות געטראפן די אנשי המלך ? און וועלכע כתה האט נישט געטראפן ?

## תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (17)

### אויף וועמען שטייט?

הָאבִּין דִי דְרַיי גִיזָאגְט אַז סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז דָאס מוּז זַיין אוּנְזֶער **חָכָם**

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין דֶער **מֵלִיץ**

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין. דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין **דִי בַּת מַלְכָּה**

הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסְן אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי **דָאס קִינְד זֵייעֶרְס**

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין. אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר **מֶלֶךְ אַלֵיין**

ביי וועמען שטייט נישט אז זיי האבן פארשטאנען ווער איז דאס ? **ביי דער אוהב נאמן און די מלכה**

### ביי וועמען שטייט?

אִיז בְּוַודְאַי דָארְט גִיוֶועןְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה ? **ביים חכם**

אִיז גִיוֶועןְ צְווִישְׁן זֵיי אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה ? **ביים מליץ**

אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶועןְ אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה ? **ביים אוהב נאמן**

אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶועןְ. קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִיט מְשַׁעֵר זַיין ? **ביי די בת מלכה**

אִיז בְּוַודְאַי דָארְט גִיוֶועןְ זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה ? **ביים קינד**

אִיז דָארְט בְּוַודְאַי גִיוֶועןְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה ? **ביי די מלכה**

אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶועןְ קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִיט מְשַׁעֵר זַיין אִין מוֹחַ ? **ביים מלך**

**צו ענטפערן די בחינות, רופט**

**646-585-3040 02-5-3333-72**

# אבטונג:
# ס'שמעקט פון געלט!

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל תְּפִלָּה, אַז דֶער גִיבּוֹר הָאט גֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע מְדִינָה וָואס אִיז גֶעוֶוען פַארְזוּנְקֶען אִין דִי תַּאֲווֹת מָמוֹן, אוּן זֵיי גֶעפִירְט צוּ אַ קָאךְ וואוּ עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין פַייעֶר. דָאס עֶסְן דָארְט הָאט מֶען נָאר גֶעקֶענְט קָאכְן דוּרְךְ אַ בַּארְג פוּן פַייעֶר. דֶער בַּארְג פַייעֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר וַוייט, אָבֶער עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען וֶועגְן אוּן רֶערְן וָואס הָאבְּן גֶעפִירְט פוּנֶעם בַּארְג בִּיז צוּם קָאךְ.

אִין אָנְפַאנְג הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט קֶעגְן דֶעם ווִינְט, אוּן דֶער גֶעשְׁמַאקֶער רֵיחַ פוּנֶעם עֶסְן הָאט זֵיי דֶערְגְרֵייכְט. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אַיינְבֶּעטְן בַּיי אִים אַז עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶפֶּעס פוּן דִי מַאֲכָלִים. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט קֶעגְן דֶעם ווִינְט, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן: ״עֶס אִיז דָא אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע רֵיחַ!״

הָאט דֶער גִיבּוֹר זֵיי גֶעזָאגְט:

״אִיר זֶעט דָאךְ אַלֵיין אַז דָא אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט וָואס זָאל נִישְׁט-גוּט שְׁמֶעקְן; דֶערִיבֶּער מוּז זַיין אַז דָאס שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ קוּמְט פוּן אַייךְ אַלֵיין.״

דַאן הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן עֶפֶּעס פוּנֶעם עֶסְן. תֵּיכֶּף ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּוַארְפְן זֵייעֶר גַאנְצֶע זִילְבֶּער אוּן גָאלְד. יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגְרָאבְּן אַ גְרוּבּ אוּן זִיךְ בַּאגְרָאבְּן דָארְט פַאר גְרוֹיס בּוּשָׁה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט. דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל זֵיי הָאבְּן פְּלוּצְלִינְג דֶערְשְׁפִּירְט דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן רֵיחַ פוּן גֶעלְט, וָואס אִיז מַמָּשׁ ווִי מִיאוּסֶ'ע אָפְּפַאל (צוֹאָה).

עֶס אִיז עֶרֶב סוּכּוֹת, אוּן דִי יוֹם-טוֹב'דִיגֶע נִיגוּנִים קְלוּנְגֶען אָפּ אִין דִי גַאסְן. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעלָאפְן מִיט בְּרֶעטֶער אִין דִי הֶענְט, אָבֶער אִין דוֹב'ס קָאפּ אִיז נָאר גֶעלָאפְן אֵיין מַחֲשָׁבָה: ״צוּ פַארְדִינֶען ווִי מֶער גֶעלְט!״ עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אַרְבֶּעטְן אִין אַ קִיאָסְק צוּ רֵיינִיגְן דָארְט, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעלָאפְן פַארְקוֹיפְן פַּאפְּקָארְן אִין פַּארְק, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם הוֹיזְוַוארְג פַארְקוֹיפֶער אוֹיף אַרְבֶּעט אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט. אַזוֹי אַרוּם הָאט עֶר אָנְגֶעזַאמְלְט מֶער אוּן מֶער גֶעלְט אִין זַיין קֶעשֶׁענֶע. בֶּערֶעלֶע הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארֶעכְטִיגְט מִיטְ'ן זָאגְן: ״אֲפִילוּ אַ אִינְגְל אִין כִּתָּה ז' מֶעג פַארְדִינֶען גֶעלְט...״



בֶּערֶעלֶע אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט אַייפֶער אוּן בְּרֶען. אַזוֹי וֶועט עֶר רַייךְ וֶוערְן... דֶער גֶעשֶׁעפְט אֵייגְנְטוּמֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ סָארְטִירְן נֶעגְל אוּן שְׁרוֹיפְן. בֶּערֶעלֶע אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען צְווִישְׁן דִי קוּנְדְן אוּן זִיךְ אֲפִילוּ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַ חֶבְרָה-מַאן. עֶר הָאט זִיךְ אֲפִילוּ גֶעלֵייגְט אֵיין פֵּאָה הִינְטֶערְן אוֹיעֶר... עֶר הָאט יֶעדְן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס אַרְבֶּעט פַאר אִים כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען מַאכְן נָאךְ גֶעלְט. אֵיין מָאל הָאט בֶּערֶעלֶע גֶעזֶען אַ סֶערְוֶועטְל מִיט אַ בִּילְד פוּן אַ דָאלֶער דֶערוֹיף; זַיין פָּנִים הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶר ווִיל מַמָּשׁ אוֹיפְעֶסְן דִי סֶערְוֶועטְל...

אֵיין טָאג, וֶוען זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעבֶּעטְן

המשך אויף זייט 9